# KINDER-DERTSEYLUNGEN

Sholem Aleichem

•



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG



MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*



The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

יידישע קינדער-ביבליאָטעק .1 №

## שאָלעם-אַלייכעם

# קינדער-דערציילונגען

לויט דעם נאַטוראַליסטישן אויסלייג פון שאָלעם שולקין



ווילנע - 1936

# קינדער-שריפט

ערשײַנט יעדע וואָך

אַבאָנאָמענטס-פרײַז: אַכוידעש 40 גראָשן, 3 כאַדאָשים 1.20
אַ האַלב יאָר—2.40; 1 יאָר 4.80.

---

אַדרעס פאַר קאָרעספאָנדענץ:
Szołom Szulkin, Wilno, Nowogródzka 85—7.

אַדרעס פאַר געלט:
(דורך אַ „פשעקאַז ראָזראַכונקאָווי”)
„Idisze Kinder-Bibliotek“, Wilno, Kartoteka 89

**פרייז 10 גראָשן.**

Szołem Ałejchem

## Opowiadania dla dzieci

---

WILNO — 1936

Drukarnia N. Rozental. Wilno, Rudnicka 7.

# דרײַ קעפּלעך

## I

אַ פּען פון אַ שרייבער, זאָל זיין אַ פּענדזל פון אַ מאָלער אָדער ווייניקסטנס אַן אַפּאַראַט פון אַ פאָטאָגראַף, וואָלט איך דיר דיר, פרײַנד, געטראָגן אַ מאַטאָנע אַ בילד לעקאָוועד שוועס, אָ זעלטענע גרופּע פון דריי יונגע שיינע, פּרעכטיקע קעפּלעך פון דריי אָרעמע, נאַקעטע, באָרוועסע יידישע קינדער. אַלע דריי קעפּלעך זיינען שוואַרץ, די הערלעך געגרייזלט, די אויגעלעך גרויסע, גלאַנצנדע, ברענענדע, און גלײַך ווי פאַרוווּנדערט קוקן זיי אויף אײַך איז פרעגן ביי דער וועלט אַ קאַשע: לעמיי? איר קוקט אויף זיי און איר באַוווּנדערט זיי און איר פילט זיך קעגן זיי ווי פאַרזינדיקט, גלײַך ווי איר זײַנט טאָקע שולדיק אין דעם, וואָס מע האָט זיי באַשאַפן—באַשאַפן נאָך דריי איבעריקע נעפּאָשעס אויף דער וועלט! ...

די דריי שיינע קעפּלעך — אַבראַמטשיק, מאָיסייטשיק און דווירקע—זיינען צוויי ברידער און אַ קליין שוועסטערל. אַבראַמטשיק און מאָיסייטשיק — דאָס האָט זיי דער פאָטער, פּייסי דער איינבינדער, אַזוי פאַרצויגן, אויפן רוסישן שטייגער. ער זאָל זיך ניט שעמען פאַר זיין ווייב פּעסי און ער זאָל ניט זיין אַזאַ ביטערער אָרעמאַן, וואָלט ער זיך אַליין אויך איבערגעמאַכט דעם נאָמען פון „פּייסי דעם אַיינבינדער" אויף „פּעטי פּערעפּליאָטשיק" נאָר אַזוי ווי ער האָט אַביסל מוירע פאָר זיין ווייב פּעסי און אַזוי ווי ער איז, ניט דאָ געדאַכט, אַ גרויסער עוויען, איז ער דערווייל פאַרבליבן ביים אַלטן נאָמען „פּייסי דער אַיינבינדער", ביז ס'וועט קומען אַמאָל די גוטע צייט, יענע גליקלעכע צייט ווען עס וועט אַלצדינג ווערן אַנדערש, אַזוי ווי בעבעל זאָגט, און אַזוי ווי קאַרל מאַרקס זאָגט, און אַזוי ווי אַלע גוטע קלוגע מענטשן זאָגן — דעמאָלט, אָ דעמאָלט וועט אַלצדינג אַנדערש זיין!... נאָר ביז די

גוטע גליקלעכע צייט ווען אַמאָל קומען, מוז מען דערווייל פון איב־
דערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט שטיין און שניידן קאַרדאָן–פּאַפּיר,
און קלעפּן קעסטעלעך, שאַכטלען... און פּייסי דער אײַנבינדער
שטייט דעם גאַנצן טאָג אויף די פיס און שניידט קאַרדאָן–פּאַפּיר,
און קלעפּט שאַכטלען, און זינגט בייס־מייסע אַלטע און נײַע יידישע
און ניט יידישע לידלעך, צום מייסטן פריילעך־טרויעריקע מיט אַ
פריילעך. טרויעריקן ניגון.

– טאָמער וואָלסטו אויפגעהערט אַמאָל דיינע גויאישע ליד־
לעך? אַ מענטש האָט זיך עס אַביסל פאַרליבט אין גוים! זינט מע
איז אַרויס אין דער גרויסער שטאָט, איז ער געוואָרן אַ גאַנצער
גוי, מ׳שטיינס געזאָגט! ...

II

אַלע דריי, אַבראַמטשיק, מאָיסייטשיק און דוואָירקע, זיינען
געבאָרן און געוואַקסן אַלע אויף איין אָרט – צווישן וואַנט און
צווישן אויוון, אַלע דריי זעען פאַר זיך אַלע טאָג איינס און דאָס
זעלבע: דעם פריילעכן טאַטן, וואָס שניידט קאַרדאָן, קלעפּט שאַכט־
לעך און זינגט ניגונים, און די פאַרזאָרגטע אויסגעטריקנטע מאַמע,
וואָס קאָכט און באַקט און קערט און ראַמט, און איז קיין מאָל
ניט פאַרטיק. ביידע זיינען זיי שטענדיק אין דער אַרבעט: די מאַמע
ביים אויוון, דער טאַטע ביי די שאַכטלען. אויף וואָס דאַרף מען
אַזוי פיל שאַכטלען ?... אַזוי טראַכטן די דריי שיינע קעפּלעך און
קוקן שוין אַרויס, אַז ביים טאַטן זאָלן זיך שוין אָנקלייבן אַ סאַך
אַ סאַך שאַכטלען און ער זאָל זיי נעמען אַלע אויפן קאָפּ אין ביידע
הענט–עפּשער טויזנט שאַכטלען און זאָל מיט זיי אַרויסגיין אין
מאַרק אַריין און קומען צוריק אָן שאַכטלען, נאָר מיט געלט פאַר
דער מאַמע און מיט בולקעלעך, בייגעלעך אָדער צוקערקעס פאַר
די קינדער... אַ גוטער, אוי אַ גוטער טאַטע ביי זיי, אַ גאָלד! די
מאַמע איז אויך אַ גוטע, נאָר אַ בייזע. מע כאַפּט פון איר אָפּט
אַ זעץ, אַ שטורך אין זײַט, אַ דריי פאַר די אויערן. זי האָט פיינט,
אַז מע מאַכט איר אָן אַ „העקדעש“. זי וויל ניט, אַז די קינדער
זאָלן זיך שפּילן אין „טאַטע־מאַמע“, זי וויל ניט, אַז אַבראַמטשיק
זאָל שנײַדן די אַראָפּגעפאַלענע שטיקלעך קאַרדאָן, אַז מאָיסייטשיק

זאָל גאַנוועגען פּאַפּ בײַם טאַטן און אַז דוואָירקע זאָל באַקן ברויט פון זאָמער מיט וואַסער... די מאַמע וויל, אַז די קינדער זאָלן זיצן שטיל, סטאַטעטשנע, די מאַמע ווייס ניט, אַ מאַנים, אַז יונגע קעפּ-לעך אַרבעטן, אַז יונגע גישאַמעס רײַסן זיך, רײַסן זיך רײַסן זיך — וווהין?... אין דרויסן! צו דעם ליכט! צום פענסטער! צום פענסטער!

III

סאַכאַקל איין פענסטער, איין שטיקל פענסטער. אַלע דריי קעפּלעך שלאָגן זיך פאַרן שטיקל פענסטער, און וואָס זעט מען דאָרט? אַ וואַנט. אַ הויכע, אַ ברייטע, אַ גראָע, אַ נאַסע וואַנט. שטענדיק, אייביק איז זי נאַס, אַפּילע זומער!... קומט אַמאָל אַהער די זון? געוויס, קומט אַמאָל אַהער די זון. דאָס הייסט ניט די זון אַליין, נאָר אַ שיין פון דער זון. און דעמאָלט איז אַ יאָנטעוו, אַלע דריי שיינע קעפּלעך שפּאַרן זיך צום שטיקל פענסטער, קוקן אַרויף גאַנץ אויבן, און זעען אַ לאַנגן שמאָלן בלאָען פּאַס, ווי אַ לאַנגע בלאָע סטענגע.

— אָ! זעט איר, קינדער? אָט דאָס איז הימל!

אַזוי זאָגט אַבראַמטשיק. אַבראַמטשיק ווייס. אַבראַמטשיק גייט אין כיידער. ער לערנט שוין קאָמעץ אַלעף. דער כיידער טאַקע איז דאָ ניט ווײַט, די צווייטע שטוב, דאָס הייסט, די צווייטע טיר. אַך! וואָס אַבראַמטשיק דערציילט זיך אָן פאַר כידושים פונם כיידער! אַבראַמטשיק דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען, ער זאָל אַזוי זען אַלדאָס גוטס. אַ גרויסן מויער פון סאַמע פענ-סטער פון אויבן ביז אַראָפּ. אַבראַמטשיק שווערט, אַז ער האָט אַליין געזען, ער זאָל אַזוי זען אַלדאָס גוטס, אַ קוימען, אַ הויכן קוימען און פונם קוימען גייט אַ רויך... אַבראַמטשיק דערציילט אַז ער האָט אַליין געזען, ער זאָל אַזוי זען אַלדאָס גוטס, אַ מאַ-שינע, וואָס מע נייט אויף איר אָן הענט... אַבראַמטשיק דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען, ער זאָל אַזוי זען אַלדאָס גוטס, אַ וואָגן, וואָס פאָרט אָן פערד... און נאָך אַזעלכע ניסים וווּנדערלעכעס דער-ציילט זיי אַבראַמטשיק פונם כיידער, און שווערט זיך, ווי די מאַמע שווערט זיך — ער זאָל אַזוי זען אַלדעס גוטס... און מאָיסיי-טשיק, און דוואָירקע הערן אים און זיפצן און זייגען אים מעקאַנע.

וואָס אַלצדינג ווייס אַבראַמטשיק, אַלצדינגז! לעמאָשל, אַבראַמטשיק ווייס, אַז אַ בוים וואַקסט. עמעס, ער אַליין האָט נאָך גלייך מיט זיי, קיין מאָל ניט געזען ווי אַזוי עס וואַקסט אַ בוים. ניטאָ קיין בוימער אויף דער גאַס, ניטאָ! ער ווייס אָבער (אין כיידער האָט ער עס געהערט), אַז אויף אַ ביים וואַקסט פּיירעס, און דערפאַר מאַכט מען אויף אַ פּיירע „בוירי פּרי האָאייץ". אַבראַמטשיק ווייס (וואָס ווייס ער דען ניט?) אַז קאַרטאָפלעס, לעמאָשל, אָדער אוי-אוגערקעס, אָדער ציבעלעס, אָדער קנאָבל וואַקסן אויף דער ערד.— און דערפאַר מאַכט מען אויף זיי „בוירי פּרי אַדאָמאָ". אַלצדינג ווייס אַבראַמטשיק! ער ווייס נאָר־ניט, ווי און ווי־אַזוי דאָס וואַקסט, וואָרעם אויף זייער גאַס איז ניטאָ קיין פעלד, ניטאָ קיין גאָרטן, ניטאָ קיין בוימער, ניטאָ קיין גרעזל,—ניטאָ! ניטאָ! אויף זייער גאַס זיינען דאָ גרויסע מויערן, גראָע ווענט, הויכע קוימענס, וואָס עס גייט פון זיי אַ רויך, און פענסטערלעך אַ סאַך אין יענעם גרויסן מויער, טויזנטער, טויזנטער פענסטערלעך, און מאַשינען וואָס גייען אָן הענט, אין וואָגנס, וואָס פאָרן אָן פערד-און ווייטער גאָרניט! גאָרניט!

אַפילע אַ פויגעלע זעט מען דאָ זעלטן. עס פאַרבלאָנדזעט אַמאָל אַהער אַ וואָראָבייטשיק, איז ער גראָ אַזוי ווי די גראָע ווענט. פּיק־פּיק די גראָע שטיינער. הויבט זיך אויף און פליט אַוועק... פון אויפּעס זעען זיי אַמאָל אויף שאַבעס, אַ פּע־טל אויף מיט אַ בלאָס אויסגעצויגן פּיסל. וויפיל פּיסלעך האָט אַן אויף?— זעלבסטפאַרשטענדלעך פיר! עלעהיי אַ פערד! אַזוי פּסקנט דער עלטערער אַבראַמטשיק, און אַבראַמטשיק ווייס דאָך אַלעס?... אַמאָל ברענגט די מאַמע פונם מאַרק אַ קעפל פון אַן אויף מיט אַרויסגעגלאָצטע אויגעלעך איבערגעצויגן מיט אַ דין ווייס הייטל... „ס'איז טויט" – זאָגט דער עלטערער אַבראַמטשיק, און אַלע דריי קעפּלעך קוקן איינס אויפס אַנדערע מיט גרויסע שוואַרצע אויגן און זיפצן... געבאָרן און אויפגעצויגן געוואָרן אין דער גרויסער שטאָט, אינם גרויסן מויער, אין גרויסער ענגשאַפט, עלנט און אָרמוט, האָבן אַלע דריי קינדער קיין מאָל נאָך ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו זען פאַר זיך ניט קיין אויף, ניט קיין כייע, ניט

בעהיימע, אויסער אַ קאַץ. אַ קאַץ האָבן זיי אַן אייגענע, אַ לע-
בעדיקע, אַ גרויסע קאַץ, גראָ ווי די גרויסע גראָע נאַסע וואַנט...
די קאַץ איז זייער גאַנץ פאַרגעניגן. מיט דער קאַץ שפּילן זיי זיך
שאָען לאַנג, טוען איר אָן אַ פאַטשיילע אויפן קאָפּ, רופן זי
„מעכוטענעסטע" און לאַכן, לאַכן, לאַכן אָן אַ שיר! דערזעט די
מאַמע און טיילט זיי איין: שענקט זיי—דעם אַ זעץ, דעם אַ שטורך
אין זייט. דעם אַ דריי ביים אויער. די קינדער צעגייען זיך אויף
זייערע ערטער, הינטערן אויוון. דער עלטערער אַבראַמטשיק,
דערציילט עפּעס, און די קלענערע, מאָיסייטשיק און דוואירקע,
האָרכן; קוקן אויף זייער עלטערן ברודערל מיט גרויסע אויגן און
האָרכן. אַבראַמטשיק זאָגט, אַז די מאַמע איז גערעכט. אַבראַמ-
טשיק זאָגט, אַז מיט אַ קאַץ טאָר מען זיך ניט שפּילן, ווייל אַ
קאַץ איז אַ טאָמע זאַך און אַ מאַזיק. אַלצדינג ווייס אַבראַמטשיק,
אַלצדינג! ס'איז דען דאָ אַ זאַך אויף דער וועלט וואָס אַבראַמ-
טשיק זאָל ניט ווייסן?

IV

אַלצדינג ווייס אַבראַמטשיק. אַבראַמטשיק ווייס, אַז ס'איז
דאָ אַ לאַנד אַ ווייט לאַנד, זייער אַ ווייט לאַנד, וואָס מע רופט
דאַס אַמעריקע. דאָרט, דאָרט, אין דעם אַמעריקע, האָבן זיי פריינד
אַ סאַך און באַקאַנטע. דאָרט, אין דעם אַמעריקע, איז יידן,
קיין איינהאָרע, גוט און פריילעך. אַהינצו, אין דעם אַמעריקע,
וועלן זיי אַריבערפאָרן, אים יירצע האַשעם, איבער-אַ-יאָר, אַז זיי
וועלן באַקומען פון דאָרט שיפסקאַרטן. אָן שיפסקאַרטן קען מען
אין אַמעריקע ניט פאָרן, ווייל ס'איז אַ יאַם און אויפן יאַם איז
אַ שטורם-ווינט און עס וואַרפט מיט סאַקאָנעס ניפאָשעס—אַלצדינג
ווייס אַבראַמטשיק.

אַלצדינג! אַפילע וואָס אויף יענער וועלט טוט זיך. לעמאָשל,
ער ווייס, אַז אויף יענער וועלט איז דאָ אַ גאַן-איידן, פון יידנס-
וועגן געוויינלעך; אין גאַן איידן איז דאָ ביימער אַ סאַך מיט די
שענסטע פּיירעס; טייכן וואָס פליסן ביימל; דימענטן און בריליאַנטן
וואַלגערן זיך אין די גאַסן, בויג זיך אָן, נעם און שטופּ אָן פולע
קעשענעס, און ערלעכע יידן זיצן דאָרטן טאָג ווי נאַכט און לער-
נען און האָבן האַנאָע פון דער שכינע...

אַזוי דערציילט אַבראַמטשיק, און ביי מאָיסייטשיקן און ביי דווירקען ברענען די אויגעלעך, און זיינען מעקאַנע זייער עלטערן ברודערל, וואָס ער ווייס אַלצדינג, ווייס ער! אַפילע וואָס אויפן הימל טוט זיך. אַבראַמטשיק שווערט, אַז צוויי מאָל אין יאָר: „הוישאַנאָ־ראַבאָ" אויף דער נאַכט און שוועס אויף דער נאַכט, שפּאַלט זיך דער הימל. עמעס, ער אַליין האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען ווי דער הימל שפּאַלט זיך, ווייל ס'איז ניטאָ ביי זיי קיין הימל, דערפאַר האָבן אָבער זיינע כאַווירים געזען. זיי שווערן, אַז זיי האָבן אַליין געזען, זיי זאָלן אַזוי זען אַלדעס גוטס. זיי וועלן דאָך ניט שווערן אויף אַ ליגן. ווי טאָר מען שווערן אויף אַ ליגן? אַן עווירע, וואָס ביי זיי אויף דער גאַס איז ניטאָ קיין הימל. ס'איז דאָ אַ לאַנגער שמאָלער בלאָער פּאַס, ווי אַ לאַנגע שמאָלע בלאָע סטענגע, וואָס קען מען אין אַזאַ שטיקל הימל זען, אַ כויך צוויי דריי קליינע שטערנדלעך מיט אַן אָפּשיין פון דער לעוואָנע?... און ביכדיי צו איבערצייגן זיין ייִנגערן ברודער מאָי־סייטשיק און זיין קליין שוועסטערל דווירקע, אַז סע שפּאַלט זיך דער הימל, גיט אַבראַמטשיק צו דער מאַמע, שלעפּט זי פאַרן קליידל:

— מאַמע! אַ יע, היינט שוועס אַרום האַלבע נאַכט שפּאַלט זיך דער הימל?

— דעם קאָפּ וועל איך דיר שפּאַלטן!

געכאַפּט אַ מיעסן פּסאַק פון דער מאַמען, וואַרט אַבראַמ־טשיק אויפן טאַטן, דער טאַטע איז אַוועק אויפן מאַרק מיט אַ גאַנצן אויצער שאַכטלען.

— קינדער? אַ נו טרעפט, וואָס וועט היינט דער טאַטע ברענגען אַ מאַטאָנע פונם מאַרק?

אַזוי זאָגט אַבראַמטשיק און די קינדער הויבן אָן „טרעפן", וואָס וועט דער טאַטע זיי ברענגען אַ מאַטאָנע פונם מאַרק. זיי רעכענען אויס, אויף די פינגער אַלצדינג, וואָס ס'איז דאָ אין מאַרק, אַלצדינג, וואָס אַ מענטשנס אויג קען זען און וואָס אַ מענטשנס האַרץ קען גלוסטן: בולקעלעך און בייגעלעך און צוקער־קעס—און קיינער האָט ניט געטראָפן און איר ווייסט, האָב איך מוירע, אויך ניט טרעפן. פּייסי דער איינבינדער האָט געבראַכט צעטראָגן

איצטיקס מאָל ניט קיין בולקעלעך, ניט קיין בייגעלעך, ניט קיין צוקערקעס: גראָז האָט ער געבראַכט צעטראָגן; אַ פּאַק מיט גראָז. מאָדנע, לאַנגע, גרינע, שמעקנדיקע גראָזן.

און אַלע דריי שיינע קעפּעלעך, אַבראַמטשיק, מאָיסייטשיק און דווירקע האָבן אַרומגערינגלט דעם פּאָטער:

— טאַטעז וואָס איז דאָס, אָט דאָס האָס אָז

— דאָס איז גרינס.

— וואָס הייסט דאָס גרינס?

— גרינס אויף יאָנטעוו, יידן דאַרפן יאָנטעוו גרינס.

— ווּ נעמט מען דאָס, טאַטעז?

— ווּ מען נעמט עס? הם... אין מאַרק קויפט מען דאָס, אין מאַרק... אַזוי זאָגט דער טאַטע, און ער צעוואַרפט דאָס גרינע שמעקנדיקע גראָז איבער דער נאַר-וואָס אויסגעקערטער שטוב און ער קוועלט, וואָס ס'איז גרין און סע שמעקט, און ער זאָגט צו דער מאַמען פריילעך, ווי זיין שטייגער איז:

— פּעכי, אַ גוט יאָנטעוו דיר!

— מאַזל-טאָוו, אַ נייער העקדעש! די מאַמזיירים זיינע וועלן שוין האָבן וואָס צו מיסטיקן!...

אַזוי ענטפערט אים די מאַמע ניט צופרידן ווי אַלע מאָל און שענקט ווי אַלע מאָל די קינדער דעם אַ זעץ, דעם אַ שטורך אין זייט, דעם אַ דריי בייַם אויער. אַ מאָדנע מאַמע ביי זיי! קיינמאָל איז זי ניט צופרידן, טאָמיד פאַראומערט, שטענדיק פאַר־זאָרגט, פונקט דער הייפעך פונם טאַטן?

און די דריי שיינע קעפּלעך קוקן אויף דער מאַמען, קוקן אויפן טאַטן, קוקן איינס אויף דאָס אַנדערע. און אַז טאַטע-מאַמע קערעווען אָפּ אַ ווײַלע אויף אַ זייט, טוען זיי זיך אַ וואָרף אַלע דריי אויף דער ערד, פאַלן צו מיטן פּאָנים צום שמעקנדיקן גראָז, קושן דאָס שמעקנדיקע גראָז, וואָס מע רופט דאָס גרינס, און וואָס יידן דאַרפן דאָס אויף יאָנטעוו און וואָס מע קויפט דאָס אין מאַרק...

אַלצדינג איז דאָ אין מאַרק, אַפילע גרינס. אַלצדינג קויפט דער טאַטע. אַלץ דאַרפן יידן און אַלצדינג האָבן יידן, אַפילו גרינס!... אַפילע גרינס!...

# „צאַאַר באַלע=כּיאַם"

## (געדאַנקען פון אַ נאַריש ייִנגל)

— זאָלסט זײַן אַ ווויל ייִנגעלע, וואָלסטו אונדז געהאָלפן אָנרײַבן כריין, ביז מיר וועלן פאַרטיק ווערן מיט די פיש לע-קאָוועד דעם הייליקן יאָנטעוו.

אַזוי מאַכט צו מיר די מאַמע ערעוו שווועס נאָך האַלבן טאָג, און אין איינעם מיט דער קעכין שאָבט זי די פיש צו דער מילכיקער סודע, נאָך לעבעדיקע, נאָך צאַפּלדיקע פיש, וואָס אַז מע האָט זיי אַרײַנגעלייגט אין אַ שיסל, אַ גרויסע ליימענע גע-גלייזטע שיסל מיט וואַסער האָבן זיי זיך נאָך געוואָרפן.

מער פון אַלע האָט זיך געאָרבן אַ קליין קאַרעסל נעבאָך מיט אַ גרויס בײַכעלע, מיט אַ קײַלעכיק מוילכל און מיט רויטע אויגעלעך. דאָס דאָזיקע קאַרעסל האָט שטאַרק כיישעק געהאַט אַ פּאָנים צוריק אין טײַך אַרײַן, האָט זיך עס געוואָרפן, געשפּרונ-גען פון שיסל אַרויס, געעפנט דאָס מוילכל, געפּאַטשט מיטן עקל און געשפּריצט מיט דאָס וואַסער גלײַך אין פּאָנים אַרײַן: „ייִנגעלע, ראַטעווע מיך!... ראַטעווע מיך!..."

איך וויש אויס דאָס פּאָנים און נעם זיך צו דער אַרבעט רײַבן כריין אויף יאָנטעוו, און טראַכט מיר: „אָרעם קאַרעפּל-וואָס דו ביסט! איך קען דיר גאָרניט טאָן... אָט וועט מען דיך נעמען צו דער אַרבעט. מע וועט דיר אָפּשאָבן, וועט מען דיך אויפטרע-נען דאָס בײַכעלע. אויסטרײַבערן די קישקעלעך. נאָך דעם וועט מען דיך צעשנײַדן אויף שטיקלעך, אַרײַנלייגן אין טעפּל אַרײַן, באַזאַלצן און באַפּעפערן, אַוועקשטעלן אויפן פײַער און קאָכן אין בראָטן און בראָטן און בראָטן..."

— אַ ראַכמאָנעס זאָג איך צו דער מאַמען, אַ צאַאַר באַלע-כײַאים.

— אויף וועמען אַ צאַאַר באַלע-כײַאים?

— אויף די פּישעלעך.
— ווער האָט דאָס דיר געזאָגט?
— דער רעבע.
— דער רעבע?
זי קוקט זיך איבער מיט דער קעכין, וואָס העלפט איר שאָבן די פיש און ביידע צעלאַכן זיך.
— דו ביסט אַ נאַר און דײַן רעבע איז נאָך אַ גרעסערער. כאַ–כאַ... רײַב דעם כריין, רײַב!
אַז איך בין אַ נאַר — דאָס ווייס איך. דאָס זאָגט מיר די מאַמע אַלע מאָל. און דער טאַטע אויך. און די ברידער אויך. און די שוועסטער אויך. נאָר אַז דער רעבע איז נאָך אַ גרעסערער נאַר, ווי איך — דאָס איז בײַ מיר אַ נײַעס.

## ב

איך האָב אַ כאַוער פּיניע, אַ שויכעטס אַ יינגל. בין איך געקומען אַמאָל צו אים צו גאַסט און האָב דערזען ווי אַ קליין מיידל האָט געבראַכט צו זיי צוטראָגן, אַ גרויסן גאַלאַנקן האָן, געבונדן די פיס מיט שטריקלעך, מיין כאַווערס פאָטער, דער שויכעט, איז געשלאָפן, און דאָס מיידל איז געזעסן ביי דער טיר און געוואַרט. דער האָן אַ יונגאַטש מיט ביינער, האָט זיך געריסן נעבאָך פון מיידלס הענט, געדריגעט מיט געזונטע פיס איר אין בויך אַרײַן, דערלאַנגט אַ פּיק איר אין האַנט אַרײַן, אַרויסגעלאָזט אַלע מאָל אַ „קאָ-קאָ-קאָ" פונם האַלדז–געפּראָטעסטירט ווי ווייט מעגלעך. דאָס מיידל איז אָבער אויך ניט געווען קײַן פּראָמאַך. האָט זי דעם האָנס קעפּל אַרײַנגעלייגט צו זיך אונטערן אָרעם, געגעבן אים אַלע מאָל אַ שטורך מיטן עלנבויגן און אַ זאָג דערבײַ:
— זיץ אין געהאַקטע ווונדן.
און ער האָט זי געפאָלגט און געזעסן אין געהאַקטע ווונדן.
נאָך דעם אַז דער שויכעט איז אויפגעשטאַנען, האָט ער געוואַשן די הענט. און אַרויסגענומען דעם כאַלעף. ער האָט מיט אַ ווונק געהייסן זיך דערלאַנגען דעם האָן, איך האָב דערזען, אַז אויפן באָרשע איז געקומען אַ נײַע הויט. עס האָט זיך אים אַ

פאָנים אויסגעוויזן, אַז דאָס בינדט מען אים צו די געבונדענע פיס און מע לאָזט אים אָפּ פריַי, צו זיַינע הינער, צו דער פּראָסע און צו דער קאָרעטע מיט וואַסער. צום סאָף האָט אים דער שוי־כעט אַ נעם־געטאָן זיך צווישן די פיס, מיט איין האַנט פאַרריסן אים דאָס קעפל, מיט די אַנדערע אויסגעפּליקט אים עטלעכע פעדערלעך אים אַ טויווע געטאָן און געמאַכט אַ בראָכע—און ריק־מיטן כאַלעף איבערן האַלדז, אָפּגעצאַפּט אַ ביסל בלוט אין אַש אַריַין און אַ שליַידער פון זיך. איך האָב געמיינט ער וועט צע־שאָטן ווערן.

— פיניע! דיין טאַטע איז אַ גוי — זאָג איך צו מיַין כאַווער.

— מיט וואָס איז ער אַ גוי.

— ניטאָ ביי אים קיין „צאַאַר באַלע־כיַיאים”.

— איך האָב גאָרניט געוווּסט, אַז דו ביסט אַ כאָכעם—זאָגט צו מיר מיַין כאַווער און טראָגט מיר אונטער אַ גאַנץ שיינעם פיַיג גליַיך אונטער דעם נאָז.

## ג

אונדזער קעכין איז אַ בלינדע אויף איין אויג. מע רופט זי „פרומע מיט אויגל”. אַ מויד אָן אַ האַרץ. איין מאָל האָט זי אָפּגעשמיסן די קאַץ מיט קראָפּעווע דערפאַר, וואָס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז די קאַץ האָט אַוועקגעשלעפּט אַ לעבערל פונם זאַלץ־ברעטל.

צום סאָף אַז זי האָט איבערגעציילט נאָך אַמאָל די אויפּעס מיט די לעבערלעך, האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זי האָט געהאַט אַ טאָעס. זי האָט נערעכנט אַז מע האָט געקוילעט זיבן אויפּעס, האָט באַדאַרפט זיין נאָך איר כעשבן זיבן לעבערלעך, און ס׳איז נאָר געווען זעקס אויפּעס. און ווי באַלד אַז זעקס אויפּעס, דאַרף דאָך מער ניט זיין ווי זעקס לעבערלעך.— גאָטס ניסים!... אומזיסט כוי־שעד געווען אַ קאַץ.

קענט איר מיינען אַז פרומע האָט זיך גענומען צום האַרצן, געגאַנגען מיסטאָמע איבערבעטן די קאַץ! ווייס איך וואָס—פאַרגעסן, אי זי האָט פאַרגעסן, אי די קאַץ האָט פאַרגעסן. אין אַ פּאָר שאָ

אַרום איז די קאַץ געזעסן גאַנץ סטאַטעטשנע אויפן פּריפּעטשאָק און באַלעקט זיך גלייך ווי ס׳איז גאָרניט געווען. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַ קעצענער מויאַך. איך האָב אָבער ניט פאַרגעסן. ניין, איך האָב ניט פאַרגעסן. איך זאָג צו אונזער קעכין: „אומזיסט געשמיסן אַ קאַץ. אומזיסט גענומען אויף זיך אַן אַווירע — „צאַאַר באַלע-כײַאים”. גאָט וועט דיך שטראָפן”.

— וועסט ניט אַוועקגיין? אָט גיב איך דיר מיט דער האַנט־סטשירקע איבערן פּאָנים!...

אַזוי זאָגט פרומע מיטן אויגל און גיט צו:

— רעבייִנע שעליילאָם! פון וואַנענט נעמען זיך אַזעלכע נאַרישע קינדער אויף דער וועלט? ...

ד

דאָס איז געווען איבער אַ הונט, וואָס מע האָט אים אָפּגעקאָכט מיט זודיק וואַסער. טאַקע זי, די אייגענע „פרומע מיטן אייגל”. אַך, האָט אים ווי׳ געטאָן דעם הינט! פריער האָט ער געקוויטשעט, געשריען, געבילט מיט סאַקאָנעס נעפעש, אײַנגעלייגט די וועלט. דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צענויפגעלאָפן אויף זיין בייז ווונדער און געלאַכט, און געלאַכט. די אַלע איבעריקע הינט וואָס אין שטעטל האָבן זיך אָפּגערופן, איטלעכער פון זיין מיסט, און איטלעכער אויף זיין שטייגער, גלייך ווי מע פרעגט ביי זיי אַ דייע... נאָך דעם אַז דער אָפּגעקאָכטער האָט זיך גוט אויסגעקוויטשעט, האָט אָנגעהויבן וואָיען אונטערהאַווקען, לעקן די פאַרוווּנדעטע פעל און ווײנען שטילערהייט. עס האָט מיך אָנגענומען בײַם האַרצן, איך גיי צו צו אים, איך וויל אים שענקען אַ גלעט:

— נאַ, סירקאָ!

דער הונט האָט דערזען אַז איך הויב אויף די האַנט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווי נאָך אַמאָל אַן אָפּגעבריטער, צענויפגענומען דעם עק און איז אַוועק־אַוועק.

— סטאָי, סירקאָ! פּרווו איך אים אײַנשטילן מיט ווייכע רייד—וואָס אַנטלויפסטו, נאַרעלע. איך וועל דיר דען טשעפּען? ...

אַ הונט בלייבט אַ הונט. אַ שטומע צונג. ער ווייס ניט פון קיין „צאַאַר באַלע-כײַאים".

דערזעט דער טאַטע, אַז איך פּאָרע זיך מיטן הונט, גיט ער מיר אַ רעכטע פּאָרציע:

— אין כיידער אַרײַן דו הינט-שלעגער:...

בין איך שוין גאָר דער הינט-שלעגער.

## ה

אין דאָס איז געווען איבער צוויי פויגעלעך. צוויי פּאָשעטע, קליינע פויגעלעך, וואָס צוויי שקאָצימלעך, איינער אַ גרעסערער, דער אַנדערער אַ קלענערער האָבן דעדהאַרגעט. די צוויי פייגעלעך, אַז זיי זײַנען אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, האָבן זיי נאָך געלעבט, געזעסן צעלאָזט די פעדערלעך, גצציטערט נעבאַך און געפלאַטערט מיט אַלע איווורים.

— ריר זיך, דו מאַפּס! — האָט דאָס גרויסע שייגעצל אַ זאָג געטאָן צום קלענערן שייגעצל, און זיי האָבן גענומען די אונטערגעשלאָגענע פייגעלעך אין די הענט אַרײַן און האָבן זיי געשלאָגן מיט די קעפּלעך אין בוים אַרײַן, ווי מיר אַ שטייגער שלאָגן די הוישאַנעס אין שטענדער אַרײַן, ביז די פויגעלעך זײַנען אויסגעגאַנגען.

— וואָס טוט איר דאָס! האָב איך זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן איך האָב זיך אַײנגעשטעלט צוצלויפן צו די שקאָצימלעך.

— כיבאַ שטשאָ? וואָס איז דען — האָבן זיי מיר געענטפערט גאַנץ רויק — צעזש וואָראָבטשי! ס'איז דאָך ניט מער הייסט דאָס ווי פייגעלעך, פּראָסטע פייגעלעך.

— אוז אַז פויגעלעך איז וואָס? אויף אַ פויגעלע איז דען ניט קיין ראַכמאָנעס, קײַן „צאַאַר באַלע-כײַאים?"

ביידע שקאָצים האָבן זיך עפּעס מאָדנע איבערגעקוקט. און גלײַך ווי זיי האָבן זיך אויפגערעדט נאָך פון פריער, האָבן זיי מיך גענומען צו דער אַרבעט...

אַז איך בין געקומען אַ היים, האָט מײַן קאַפּאָטקעלע אויסגעזאָגט די גאַנצע מײַסע האָט מיר דער טאַטע מעקײַאים-פּאָסיק געווען לויט מײַן פאַרדינסט.

— אָפּגעריסענער נאַר! שרײַט אויף מיר דער טאַטע.
מײלע „אָפּגעריסענער נאַר" בין איך אים מוחל. פאַרוואָס
קומט מיר אָבער פּעטש?! ...

ו

פאַרוואָס קומט מיר פּעטש? זאָגט דען ניט דער רעבע אַלײן
אַז אַלע באַשעפענישן זײַנען בײַם אויבערשטן טײַער? אַפילע אַ
פליג אויף דער וואַנט טאָר מען ניט פאַרטשעפּען, זאָגט ער איבער
„צאַר באַלע-חײַים". אַפילע אַ שפּין, וואָס איז שוין אַ מאַזיק,
טאָר אויך אַ מענטש ניט האַרגענען. און ער זאָגט דאָס מיט אַ
טאַם. „ווען ס'זאָל אים קומען, זאָגט ער, מיסע, וואָלט אים גאָט
אַלײן האַרגענען"...

פרעגט זיך אַ קאַשע: „גוט. ווי באַלד אַזוי, הײַנט לעמײַ
קוילעט מען אָקסן, קעלבלעך, שאָף און אויפעס אַלע טאָג?..."
און ניט נאָר בעהײמעס, חײַעס און אויפעס—מענטשן האַר-
גענען זיך דען ניט אײנער דעם אַנדערן? אָט בישאַס „פּאָגראָם"
האָט מען דען ניט געוואָרפן קלײנע קינדער, אײפעלעך פון בוי-
דעם אַראָפּ? ...
האָט מען דען ניט געהאַרגעט אונזער שאָכנס מײדעלע —
פערעלע האָט זי געהײסן.—און נאָך ווי אַזוי געהאַרגעט?!...
אַך, ווי איך האָב ליב געהאַט דאָס קינד? און ווי דאָס
קינד האָט מיך ליב געהאַט? פּעטער „בעבעבע" פלעגט זי מיך
רופן—איך הײס וועלוועלע—און רײַסן מיך בײַ דער נאָז מיט אירע
קלײנע זיסע דינע פינגערלער...
צוליב איר, צוליב פערעלען רופן מיך שויך אַלע „פּעטער
בעבעבע".
— אָט גײט דער „פּעטער בעבעבע" וועט ער דיך נעמען
אויף די הענט.

---

פערעלע איז געווען אַ קראַנק קינד. דאָס הײסט אַזוי איז
זי געווען בישקאָשע, נאָר גײן האָט זי ניט געקענט. ניט גײן ניט
שטײן. נאָר זיצן. פלעגט מען זי דאַרפן טראָגן אויף די הענט-אין

דרויסן אַרייַט. זעצן אין זאַמד אַרײַן, אויף דער זון. זי האָט ליב געהאַט די זון. סאַראַנעס ליב געהאַט. פֿלעג איך זיך אַרומטראָגן מיט איר, פֿלעגט זי מיך אַרומנעמען דעם האַלדז מיט אירע דינע זיסע פֿינגערלעך [illegible] צו מיר מיטן גאַנצן גאַנצן ליבעלע. אַרײַנפֿליִען אויף מיר דאָס קליינע קעפּעלע: „ליב דעם פֿעטער בעבעבע"

[illegible] קען נאָך אַד־האַיב ניט פֿאַרגעסן [illegible] בעבעבע" [illegible] אין מיט אַ קוק אויף מיר [illegible] אַן איר פֿעדעלען...

[illegible] זי ווייַנט. [illegible] ניט ווינדיקן, [illegible] דאַרף פֿאַרגעסן... [illegible]

[illegible] „האַקע באַבע". [illegible] ניט דרייען פֿאַר [illegible]

[illegible] הערכאָנעגן! [illegible] זיך מיר [illegible]

[illegible] רופֿט [illegible] ניט [illegible]

[illegible] א מאַמע [illegible] אַוזאָגן [illegible] פֿאַרטיק... [illegible]

